שנה א' גליון ט'
**פרשת וישב**
תשפ"ד

גליון
# יומא בהילולא

## לוח ההילולא

<u>כ"ו כסלו</u>

א) הרה"ק רבי שלמה יעקב איינשטיין זצ"ל מזידיטשוב.

<u>כ"ז כסלו</u>

א) הגאון רבי שמואל פאלקענפעלד זצ"ל אב"ד פוזנא.

<u>כ"ח כסלו</u>

א) הגה"ק רבי עוזיאל מייזליש זצ"ל אבדק"ק ריטשוויל
ב) הגאון רבי יעקב טענענבוים זצ"ל אב"ד פוטנאק.
ג) הרה"ק רבי ברוך דוד טווערסקי זצ"ל מקאלינקאוויטש.

<u>כ"ט כסלו</u>

א) הגה"ק רבי אברהם חזן מאומן זצ"ל בעל ביאור הלקטים.
ב) הגאון רבי שלמה הכהן זצ"ל מו"ץ דק"ק ווילנא.

<u>א' טבת</u>

א) הגאון רבי חיים אבידור שאהנפעלד זצ"ל אב"ד קהל עדת ישראל לאנדאן.

<u>ב' טבת</u>

א) הגאון רבי נפתלי' הירץ מזי"א אשכנזי זצ"ל אב"ד תוך לעיר לבוב.
ב) הגה"ק רבי יעקב אבן צור מפאס זצ"ל.
ג) הרה"ק רבי יעקב צבי מפאריסוב זצ"ל.
ד) הרה"ק רבי דוד האלבערשטאם זצ"ל אבדק"ק סאקאלוב.

<u>ג' טבת</u>

א) הגאון רבי מרדכי בורדא זצ"ל אב"ד מיאווא.

## כ"ו כסלו

### הרה"ק רבי שלמה יעקב איינשטיין זצ"ל מזידיטשוב

געבוירן בשנת תקצ"ד צו זיין פאטער הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זצ"ל און געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי יוסף ראטנבערג זצ"ל מקאזווע ובזוו"ש ביי הרה"ק רבי אברהם משענדישוב זצ"ל. ער האט מקבל געווען פון זיין טאטע'ן און פון זיין פעטער הרה"ק רבי סנדער ליפא מסאבור זצ"ל. ערשט האט ער מסרב געווען פון זיך פירן באדמורו"ת. בשנת תרמ"ג איז ער אריבער וואוינען קיין סאטירי, דארט האט ער אנגעהויבן פראווען רב'יסטעווע, און טויזנטע חסידי זידיטשוב האבן זיך מסתופף געווען בצלו. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ו כסלו שנת תרמ"ו.

## כ"ז כסלו

### הגאון רבי שמואל פאלקענפעלד זצ"ל אב"ד פוזנא

געבוירן צו זיין פאטער הגאון רבי משה פנחס זצ"ל אב"ד סווירזש. שוין פון אלס יונג קינד איז ער געווען באוואוסט אלס חריף עצום ונפלא. ער האט משמש געווען ברבנות אין די שטעט בלוגרייא, פעשווארסק, טארנאפאל און אין פוזנא. ער איז געווען מפורסם אלס גאון עצום און מפולפל נורא. ער האט מחבר געווען אסאך ספרים אבער עס האט זיך אלעס פאברענט אין א שריפה. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ז כסלו שנת תקס"ז, מח"ס בית שמואל אחרון דרשת ושו"ת.

## כ"ח כסלו

### הגה"ק רבי עוזיאל מייזליש זצ"ל אבדק"ק ריטשוואהל

געבוירן אין יאר תק"ד אין שטאט סעמטיטש – ליטא, צו זיין פאטער הגאון רבי צבי הירש זצ"ל בן הגאון רבי ארי' יודא לייב זצ"ל (וועמען מען האט גערופן רבי איציקל ווּאלדאוּוער) און זיין מוטער מרת דרעזיל ע"ה, טאכטער פון הגאון רבי אברהם נתן נטע שפירא זצ"ל בעמח"ס נטע שעשועים, אייניקל פון הגה"ק המקובל בעל מגלה עמקות זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הנגיד המופלג רבי שלמה ז"ל פון שטאט ריטשוואהל. נאך דער חתונה האט ער געגעסן א שטיק צייט קעסט ביי זיין רייכן שווער אין ריטשוואהל. ער איז נתקרב געווארן צום דרך החסידות דורך זיין נאנטע חבר הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זצ"ל, וואס האט אים געברענגט צום הייליגן רבי ר' בער זצ"ל, דער מעזריטשער מגיד. ער האט נאך געהאט די זכי' צו הערן דברי אלקים חיים פון מרן הבעש"ט זצ"ל (ראה בספרו תפארת עוזיאל שיר השרים ע"ד ששמעתי מפי איש קדוש וטהור רבינו ישראל בעש"ט ז"ל). ער האט זיך אויך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מפרימשלאן זצ"ל, הרה"ק רבי אברהם מפודולסק זצ"ל, הרה"ק רבי נחמן מקאסוב זצ"ל און ער איז געווען בקשרי ידידות מיט הרה"ק רבי חיים מאמדור זצ"ל, הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זצ"ל, די ברידער הרה"ק דער רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זצ"ל והרה"ק ר' פנחס מפראנקפורט זצ"ל בעל הפלה, און מיט די ברידער הרה"ק דער רבי ר' זושע זצ"ל און דער רבי ר' אלימלך זצ"ל. די חבריא קדישא פלעגן אים רופן "עבד ה'" ווייל עב"ד איז ראשי תיבות ע'וזיאל ב'ן ד'רעזיל. פארן הסתלקות פונעם מעזריטשער מגיד האט ער געשריבן זיין צוואה און האט געהייסן זיינע גרויסע תלמידים אינטער שרייבן דערויף, איינע פון זיי איז געווען הרה"ק רבי עוזיאל זצ"ל און דער אנדערער איז געווען הרה"ק רבי שלמה לויצקער זצ"ל. צום ערשט האט ער געדינט אלס רב אין ריטשוואהל. נאך פיר יאר זיין רב אין ריטשוואהל איז ער געווארן רב אין שטאט אסטראווצע. דארטן האבן די ראשי הקהילה וועלכע זענען געווען מתנגדים צום דרך החסידות אויסגעגאסן זייער צארן אויף אים ולא נתקררה דעתם, ביז זיי האבן אים אפגעזאגט פון די רבנות. דערנאך איז ער געווארן רב

אין שטאט ניישטאדט (עיר חדש).ער איז געווען מפורסם אלס א גאון וגדול בתורה, סיני ועוקר הרים, כל רז לא אניס ליה און צדיק וקדוש וואס האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים אין די ישיבות וואס ער האט געפירט אין די שטעט וואו ער האט געדינט אלס רב. ער איז נסתלק געווארן יונגערהייט ביום כ"ח כסלו שנת תקמ"ו ומנו"כ אין ניישטאדט. מח"ס תפארת עוזיעל על התורה ונ"ך ומועדים, תפארת הצבי על מסכת ביצה, עץ הדעת טוב על מסכת שבת וכתובות, מנורה הטהורה אויף הלכות שבת. ער האט דאס ארויסגעגעבן בציווי רבו הרה"ק המגיד ממעזריטש זצ"ל, כרם שלמה על שו"ע יו"ד. (ראה שנות דור ודור)

## הגאון רבי יעקב טענענבוים זצ"ל אב"ד פוטנאק

געבוירן ביום י"ז תמוז תקצ"ב אין שטאט סענדרא צו זיין פאטער הגאון רבי זאב וואלף טענענביום זצ"ל אב"ד ווערפלעט בעמח"ס רחובות הנהר, און זיין מוטער מרת סלאווא ע"ה. ער האט געלערנט ביי זיין טאטע'ן און פון אים האט ער מקבל געווען רוב חכמתו ויראתו. ער האט חתונה געהאט מיט מרת דבורה ע"ה טאכטער פון הנגיד רבי ראובן יעקב רייכמאן ז"ל. בשנת תרי"ח איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט טאליא, ובשנת תרכ"ט איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט מעזוי – טשאטה און ער איז דארט אנגעקומען אים חודש אייר שנת תר"ל. בשנת תרל"ג איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט פוטנאק. ער איז געווען מפורסם אלס גאון גדול וחריף און מען האט געזאגט אויף אים אז ער האט צוויי מחות. ער פלעגט שרייבן חידושי תורה מיטביידע הענט אויף איינמאל. אין די שטעט וואו ער איז געווען רב האט ער אלעמאל מרביץ תורה געווען און פארמאגט א ישיבה. ער האט געפירט זיין עדה ברמה על מבועי התורה ויראה טהורה. כל ימיו האט ער לחום געווען א מלחמת מצוה מעמיד צו זיין הדת על תילה, און איז געווען עמד בפרץ און גודר גדר צו מחזק זיין די חומת היראים. בשנת תרכ"ד האט ער געחתמ'ט אויף די בריוו וואס די רבנים האבן געשיקט צום עסטרייכישן קעניג קעגן די סעמניער לרבנים, אזוי אויך האט ער זיך משתתף געווען בי די אסיפה אין מיהאלוויץ בשנת תרכ"ו, און האט געחתמ'ט אויף די תקנות צו שטארקן די חומת הדת. בשנת תרכ"ט איז ער געווען פון די וועלכע האבן געגרינדעט די קהילות האורטאדאקסי און נאך מערכות ווי ער איז געווען אריין געמישט, ווי אויך האט ער אסאך משתדל געווען לטובת די עניי ארץ הקודש אין מחזק געווען די כולל שומרי החומות – כולל אונגארן. סוף ימיו איז ער נישט געזונט געווארן און ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ח כסלו שנת תרנ"ט (ראה גליון דור דור וסופריו גליון ב')

## הרה"ק רבי ברוך דוד טווערסקי זצ"ל מקאלינקאוויטש

געבוירן ביום ה' אדר שנת תרל"ה, צו זיין פאטער הרה"ק רבי מרדכי דוב מהארנסטייפל זצ"ל און זיין מוטער מרת רייצא ע"ה בת הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זצ"ל. בשנת תרנ"ג האט ער חתונה געהאט אין שטאט הומל מיט מרת חי'ה שרה ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי שלמה זלמינא מראשקוב זצ"ל וואס איז געווען א דור שישי פון הרה"ק רבי שבתי מראשקוב זצ"ל בעל הסידור, און געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל ממעזבוש זצ"ל חתן הרה"ק רבי שלום יוסף מסאדיגורא זצ"ל (דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס די צוויי הויפן פון צאנז און רוזשין האבן זיך משדך געווען). בשנת תרס"ג, נאכן הסתלקות פון זיין טאטע'ן איז ער געווארן מ"מ אלס רבי אין הארנסטייפל. בשנת תרס"ד איז ער אריבער קיין קלינקאוויטש – רייסן. ער איז געווען מפורסם מיט זיין גאונות און צדקות. זיין פאטער האט אויף אים געשטעלט צו מסדר זיין און דריקן זיין ספר, שו"ת עמק השאלה. בשנת תרפ"ט האט ער מצליח געווען צו אנטלויפן פון די קאמיניסטן אין רוסלאנד און ער האט זיך באזעצט אין שטאט וויען – עסטרייך. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ח כסלו שנת תרפ"ו ומנו"כ אין שטאט וויען מח"ס ויברך דוד עה"ת על שו"ע או"ח ויו"ד על הלכות רבית .

## כ"ט כסלו

## הגה"ק רבי אברהם הלוי חזן מאומן זצ"ל בעל ביאור הליקוטים

געבוירן שנת תר"ט אין שטאט טולטשין צו זיין פאטער הרה"ק רבי נחמן טולטשינער זצ"ל משמש ונאמן ביתו פון הרה"ק רבי נתן מברסלב זצ"ל און זיין מוטער מרת אסתר שיינדיל ע"ה. יונגערהייט האט ער שוין געלערנט מיט א גרויסע התמדה. נאך אלס קליין קינד, ווען ער פלעגט אהיים קומען פון חדר, איז ער גלייך צוגעגאנגען צו די ספרים שאפע און ארויסגענומען א ספר און האט געלערנט דעריין פאר לאנגע שעות אן אפילו בעטן צו עסן פון זיין מאמע. זיין רבי בנגלה איז געווען הגאון רבי מאיר לייב בלעכער זצ"ל פון די תלמידים פון הרה"ק רבי נתן מברסלב זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט מרת מלכה ע"ה בת הר"ר נתן טעטוווסקי זצ"ל ובזיוו"ש מיט די טאכטער פון הגה"ח רבי נפתלי כהן ז"ל פון בארדיטשוב. אין יאר תרנ"ד איז ער ארויף געפארן קיין ארה"ק און זיך באזעצט אין ירושלים עיה"ק תובב"א. האט יעדער יאר איז ער געפארן אויף ראש השנה קיין אומאן זיך צו געפינען ביים ציון פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל, מקיים צו זיין די צווי פון הרה"ק רבי נחמן זצ"ל, צו וויילן אויף ראש השנה ביי זיין ציון אין אומאן. אזוי האט ער זיך געפירט מיט מסירות נפש פאר צוואנציג יאר ברצופות. בחודש אב שנת תרע"ג האט ער זיך צום לעצטן מאל ארויס געלאזט פון ארה"ק ת"ו, אבער נאך ראש השנה האט ער שוין נישט געקענט צוריק פארן צוליב די ערשטע וועלט מלחמה וואס האט דאן אויסגעבראכן, איז ער פארבליבן אין חוץ לארץ ביז צו זיין הסתלקות. רבי אברהם איז געווען א גאון אדיר וחריף עצום א בקי נפלה און געהאט א שארפער מוח, א למדן מופלג און מקובל אלוקי. טראץ זיין גדלות איז ער אנטלאפן פון א יעדער מין פרסום און האט מסתיר געווען זיין גרויסקייט. הרה"ק מראדזין זצ"ל האט זיך מיט אים אמאל משתעשע געווען בתורה ובחסידות, ווען די ראדזינער האט געזען זיין גרויסקייט האט ער געבעטן פון זיינע מקרובים אז

מען זאל רבי אברהם אנקליידן מיט בגדי משי. ווען רבי אברהם האט דאס געהערט איז ער אנטלאפן פון שטאט. זיין עבודה איז געווען מיט מסירות נפש ממש, מיט תעניתים אין סגופים און געווען א קדוש ונורא. אין די יונגע יארן האט ער שוין פארשטאנען אז די תעניגו העולם הזה שטערן די מענטש עס זאל אים לייכטן די אור התורה, האט ער זיך מסגוף געווען מיט פארשידענע סגופים, צווישן אנדערע האט ער אויף זיך מקבל געווען נישט צו רעדן מיט אנדערע מענטשן, אויף אזוי ווייט אז די ארומ'גע האבן געמיינט אז ער האט פארלוירן די חוש הדיבור. צענדליגע יארן האט ער זיך מתבודד געווען אין וועלדער משבת לשבת און האט געדינט דעם אייבערשטן מיט קדושה און פירושת. א גאנץ לעבן האט ער געהאט אסאך צרות, צער גידל בנים און דוחק הפרנסה. רבי אברהם איז געווען פון די מעתיקי השמועה פון תורת ברסלב פאר די דורות הבאים, האבנדיג מקבל געווען פון זיין פאטער וואס איז געווען די שמש ונאמן ביתו פון הרה"ק רבי נתן מברסלב זצ"ל און פון אנדערע גדולי תלמידי הרה"ק רבי נתן זצ"ל. אלס קינד האט ער נאך געהאט די זכי' צו זעהן הרה"ק רבי נפתלי מנעמירוב זצ"ל מבחירי תלמידי הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ט כסלו שנת תרע"ח ומנו"כ בביה"ח החדש אין אומן, מח"ס ביאור הליקוטים פי' על ספר ליקוטי מוהר"ן, כוכבי אור, חכמה ותבונה, שיחות וסיפורים, ימי התלאות. ועוד.

## הגאון רבי שלמה הכהן זצ"ל
## מו"ץ דק"ק ווילנא

געבוירן ביום ז' טבת שנת תקצ"א צו זיין פאטער הגאון רבי ישראל משה ז"ל, וואס האט זיך מתייחס געווען צו די זרע הכהנים מבית עלי הכהן. ער האט געלערנט ביי זיין פאטער און ביי הגאון רבי יצחק סירווינט זצ"ל פון ווילנא און ביי הגאון רבי יעקב באריט מווילנא זצ"ל. בשנת תר"מ איז ער געווארן אויפגענומען אלס דיין ראשי אין שטאט ווילנא. ער איז געווען א גאון אדיר ומובהק, פאר הדור והדרו, בקי בש"ס ובפוסקים, און געווען פון די גדולי ההוראה בדורו, מכל תפוצות ישראל האט מען זיך צו אים געוואנדן מיט שאלות. ווען די אלמנה און די ראם ברידער האבן געדריקט די באקאנטע ווילנא ש"ס איז רבי שלמה פארבעטן געווארן צו מגיע זיין די ש"ס און זיינע הערות אויפ'ן ש"ס זענען געדיקט געווארן אינעם ווילנע'ן ש"ס אינטערן נאמען חשק שלמה. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ט כסלו שנת תרס"ו ומנו"כ אין ווילנא, מח"ס שו"ת בנין שלמה על שו"ע או"ח, שו"ת עצי ברושים על שו"ע יו"ד, ידי משה, חשק שלמה על הש"ס ושו"ע. (ראה תולדות רבותינו האחרונים)

## א' טבת

## הגאון רבי חיים אבידור שאהנפעלד זצ"ל
## אב"ד דקהל עדת ישראל לאנדאן
## ומייסד התחאחדות קהילות החרדים

געבוירן בשנת תר"מ אין שטאט פרעשבורג צו זיין פאטער רבי יעקב ז"ל. ער האט געלערנט ביי הגאון רבי שמחה בונם סופר זצ"ל אב"ד פרעשבורג בעל שבט סופר, און ביי הגאון ר' יצחק שוויגער זצ"ל אב"ד גראס טאפאצלאן. ער איז נסמך געווארן להוראה דורך הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל בעל דעת סופר און פון הגאון ר' יצחק שוויגער זצ"ל. נאך די חתונה, אין פרעשבורג, איז ער נתמנה געווארן אלס גבאי דחברת תפארת בחורים.  שפעטער איז ער געווען אין שטאט וויען, וואו דארט האט ער געלערנט אלגעמיינע לימודים אזוי אויך האט ער געדינט אלס רב דביהכ"נ מאנטיפיורי אין וויען. בשנת תרס"ט איז ער געקומען קיין לאנדאן און נתקבל געווארן אלס רב ביהמ"ד נאר"ט לאנדאן שו"ל לבני מדינות אונגארן ודייטשלאנד. פון דעם האט מען מייסד געווען קהל עדת ישראל, וואס דאס איז בשעתו געווען פון די איינציגסטע קהילות פון יראים און שלמים מדקדקים בתורה ובהלכה כדת וכדין. ער האט אויך אסאך געטוען פאר די חינוך ילדי בנ"י און איז געווען פין די גרינדער פין די ישיבת עץ חיים. בשנת תרפ"א איז ער ארויף קיין ארה"ק ת"ו. דארט איז ער געווען פארמישט אין די אקטיוויטעטן פון פארשידענע פארטייען אין ארץ ישראל. נאך דארט זיין א יאר האט ער זיך צוריק געקערט קיין לאנדאן און זיך אינגאנצן ארויסגעצויגן פון פאליטיק. בשנת תרפ"ז האט ער מייסד געווען די ארגאנעזאציע התאחדות קהילות החרדים. ער איז נסתלק געווארן ביום ר"ח טבת שנת תר"צ ומנו"כ בביה"ח דקהל עדת ישראל בשכונות ענפיעלד בלאנדאן.

## ב' טבת

## הגאון רבי נפתלי' הירץ מזי"א אשכנזי זצ"ל
## אב"ד תוך לעיר לבוב

געבוירן צו זיין פאטער הגאון המקובל רבי יהודא זלעקיל זצ"ל, דיין בקראקא און זיין מוטער אסתר ע"ה, טאכטער פון הגה"ק רבי יואל סירקיש מקראקא זצ"ל בעל הב"ח. ער האט מקבל געווען תורה פון זיין זיידע דער ב"ח. ער האט משמש געווען ברבנות אין שטאט לבוב בתוך העיר אינאיינעם מיט זיין פעטער הגה"ק בעל הטו"ז זצ"ל, וואס איז געווען אב"ד חוץ העיר לבוב. ער איז נסתלק געווארן ביום ב' טבת שנת תנ"ז ומנו"כ אין שטאט לבוב. (ראה בספר אנשי שם – לבוב)

## הגה"ק רבי יעקב אבן צור מפאס זצ"ל

געבוירן ביום כ"ז אייר שנת תל"ג אין שטאט פאס – מאראקא צו זיין פאטער הגה"ק רבי ראובן זצ"ל אין זיין מוטער מרת ריינא ע"ה, טאכטער פון החכם רבי יוסף אבן סונבאל זצ"ל. אין די יונגט האט ער מקבל געווען תורה פון זיין פאטער, נאכן הסתלקות פון זיין טאטע'ן, בשנת תמ"ד, האט ער געלערנט ביי די גדולי מאראקא הגה"ק רבי וידאל הצרפתי זצ"ל, הגה"ק רבי מנחם סירירו זצ"ל און ביי הגה"ק רבי יהודה בן עטר זצ"ל. בשנת תנ"ג, ווען ער איז אלט געווען בלויז צוואנציג יאר איז ער אויפגענומען געווארן אלס ספרא דדיינא אין בית דין פון זיינע רבי'ס, רבי וידאל הצרפתי און רבי מנחם סירירו. אין שנת תס"ד, נאכן פטירה פון די ראב"ד אין פאס, הגה"ק וידאל הצרפתי זצ"ל, איז הגה"ק רבי יהודה בן–עטר זצ"ל געווארן

ראב"ד, איז רבי יעקב אבן צור נתמנה געווארן אלס דיין וחבר הביד"ץ. בשנת תצ"ג, נאכן פטירה פון הגה"ק רבי יעקב בן עטר זצ"ל, איז ער געווארן ראש ואב בית דין. ער איז געוועןפון די ראשי הרבנים אין מדינת מאראקא און איז געוועןנערץ ונקדש ביי אלע חכמי ורבינו עירו. ער האט אסאך געטועןאפצוהיטן די מסורות פון די ספרדישע אידנטום. די חיד"א אין שם הגדולים (ח"ב, מערכת ע' אות ל"א), שרייבט אויף אים "היה בקי בכל מנהגי הרבנים מספרד הבאים מהגרוש ולא הניח דבר גדול ודבר קטן הכל בכתב". זיין נשיאות האט ער געפירט מיט א שטארקייט, ער איז געווען א גרויסער אוהב ספרים און האט פארמאגט א ריזיגע אוצר הספרים מיט טויזנטע ספרים און כת"י. אלע זיינע ספרים זענען אנגעפולט מיט זיינע הגהות. די חיד"א שרייבט "כל הספרים שהיו לו מלאים על כל גדותם מכתיבתו בגליונות." א גאנץ לעבן האט ער געליטן שווערע יסורים פון קרענק און צער גידול בנים. ער האט געהאט זיבעצן קינדער און בחייו האט ער פארלוירן ל"ע זעכצן. אזוי אויך האט ער געדארפט אפאר מאל אוועק גיין פון שטאט פאס. בשנת תס"א האט ער געמוזט פארלאזן די שטאט צוליב די עול פון שטייער וואס די רעגירונג האט ארויפגעלייגט אויף די אידן. ער איז דאן אנטלאפן קיין מקנאס, דארט איז ער נתקבל געווארן בכבוד גדול און די רבנים פון שטאט האבן אים געשטעלט אלס דיין אין זייער בית דין. בשנת תפ"ט האט ער זיך צוריק געקערט אויף פאס. שפעטער, בשנת תצ"ח, ווען עס איז געווען א הינגער איז ער נאך אמאל אוועק פון פאס און איז געגאנגען קיין תיטוואן. דארט איז ער געווען פאר דריי יאר, ביז שנת תק"א. סוף ימיו איז ער זייער נישט געזונט געווען און ער איז נסתלק געווארן ביום ב' טבת שנת תקי"ג שו"ת משפט וצדקה ביעקב, ויקרא יעב"ץ -דרושים, עת לכל חפץ, ועוד (ראה במובא לספרו ויקרא יעב"ץ)

## הרה"ק רבי יעקב צבי ראבינאוויטש מפאריסוב זצ"ל

געבוירן צו זיין פאטער הרה"ק רבי יהושע אשר מפאריסוב זצ"ל זון פון יהודי הק' זצ"ל און געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי שלמה הייפרין מפניטשוב זצ"ל ער האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק הסבא קדישא מראדשיץ זצ"ל, הרה"ק אליעזר מקאשניץ זצ"ל, הרה"ק רבי נחמי' מבעחיוו זצ"ל, הרה"ק ממאגלניצא זצ"ל, און ביי הרה"ק רבי נתן דוד משידלאוויציע זצ"ל וואס האט אים מסמיך געווען צו זיין א רבי. ער איז געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורה בנגלה ובנסתר און מיט זיינע סגיפום און תעניותם וואס ער פלעגט אפרעכטן. נאכן הסתלקות פון הרה"ק רבי אלעזר מקאשניץ זצ"ל זענען צו אים געפארן טויזנטע חסידים און האבן זיך מסתופף געווען בצלו. ער איז נסתלק געווארן ביום ב' טבת שנת תרמ"ט. ומנו"כ אין פאריסוב.

## הרה"ק רבי דוד האלבערשטאם זצ"ל אבדק"ק סאקאלוב

געבוירן שנת תרל"ה צו זיין פאטער הרה"ק רבי משה'לע שינאווא'ער זצ"ל און זיין מוטער מרת אסתר מינדל ע"ה בת הגביר ר' מאיר צבי טענענבוים ז"ל. ער איז נתגדל געווארן על ברכי אביו וזקינו הרה"ק משינאווא זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגביר רבי אבלי אונגיואר ז"ל פון רישא. ער האט משמש געווען ברבנות אין שטאט סאקלוב – גאליציע. ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז ער אנטלאפן קיין וויען – עסטרייך. נאכן הסתלקות פון זיין פאטער איז ער געפארן אויף ניו יארק צו ברענגן געלט פאר בני משפחתו, אבער ער איז נסתלק געווארן אינצווישן, ב' טבת שנת ת"ש, אלט זייענדיג בלויז פיר און זעכציג יאר ומנו"כ אין שטאט ניו יארק. (ראה בספר ארצות החיים)

## ג' טבת

## הגאון רבי מרדכי בורדא זצ"ל אב"ד מיאווא

געבוירן בשנת תקע"ז אין שטאט שוסבורג צו זיין פאטער הג"ר נתן נטע זצ"ל אב"ד שוסבורג. ער האט געלערנט ביי זיין פאטער אין ביי הגאון רבי משה פערלס זצ"ל אב"ד באניהאד און ביי הגאון רבי מאיר א"ש זצ"ל אבד"ק אונגוואר. ער איז געווארן אן איידעם ביי הגאון רבי ארי' ליב ז"ל אב"ד ראגעדארף. ער איז געווען מפורסם אלס חריף ובקי נפלא, א גאון מובהק ואמיתי. ער האט משמש געווען ברבנות אין שטאט מיאווא. ער איז נסתלק געווארן ביום ג' טבת תרמ"ג. (ראה בשם הגדולים לגדולי מארץ הגר)

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com